

# אייער בעיבי איז ערפאלגרייך אריבער די ניי-געבוירן הערן סקרינינג

## קען א בעיבי ערפאלגרייך אריבערגיין די הערן סקרינינג און נאך אלס האבן הער-קראפט פארלוסט?

יא. א בעיבי'ס הער-קראפט קען זיך טוישן סיי ווען.

רעדט מיט אייער בעיבי'ס העלט קעיר פראוויידער אדער פארבינדט זיך מיט א העלט קליניק אויב איינע פון די דערקלערונגען זענען אמת ביי אייער קינד - יעצט אדער אינעם צוקונפט:

- **איינס פון מיין בעיבי'ס בייאלאגישע עלטערן, אדער איינע פון זיינע נאנטע פאמיליע מיטגלידער, איז געווען טויב אדער ס'איז אים געווען שווער צו הערן אלס קינד.**
- **מיין בעיבי איז געווען אין די שפיטאל'ס "NICU" אדער "PICU" - אויך באקאנט אלס די ניי-געבוירן אדער קינדער אינטענסיווע קעיר אפטיילונג (neonatal or pediatric intensive care unit).**
- **מיין בעיבי האט געהאט אן אויפטויש טראנספיוזשן - א ספעציעלע סארט בלוט טראנספיוזשן.**
- **מיין בעיבי האט אדער האט געהאט אסאך אויער אינפעקציעס.**
- **מיין בעיבי האט אדער האט געהאט א שעדיגונג אין קאפ.**
- **כ'מיין אז מיין בעיבי הערט נישט גוט.**
- **כ'מיין אז מיין בעיבי רעדט נישט גוט.**
- **מיין בעיבי'ס אויפפירונג איז אנדערש ווי פון די הערן טשעק-ליסטע אויף די פארקערטע זייט פון דעם פאפיר.**



*המשך אויף די פארקערטע זייט*

# הערן טשעק-ליסטע

אט זענען אפאר זאכן וואס א בעיבי קען געווענליך טון אויב ער איז נישט טויב אדער אויב ס'איז אים נישט שווער צו הערן:

## פון געבורט ביז 3 מאנאטן

- ☐ טרייסלט אויף פון קולות
- ☐ ווערט באראויגט פון הערן די עלטערן'ס אדער קעיר-געבער'ס קול
- ☐ דרייט זיין קאפ צו אייער קול

## פון 3 ביז 6 מאנאטן

- ☐ דרייט זיינע אויגן און קאפ צו טרעפן אייער קול
- ☐ פלאפלט אן אויסוואל פון קולות
- ☐ האט ליב שפילצייג וואס מאכן קולות

## פון 6 ביז 9 מאנאטן

- ☐ רעאגירט ווען ער הערט זיין נאמען
- ☐ פארשטייט גרינגע ווערטער אזויווי "ניין" און "ביי-ביי"
- ☐ זאגט "דא-דא" אדער "מא-מא"

## פון 9 ביז 12 מאנאטן

- ☐ זאגט נאך פשוט'ע ווערטער און קולות
- ☐ נוצט 2 ביז 3 ווערטער חוץ פון "מא-מא" אדער "דא-דא"
- ☐ גיבט איבער שפילצייג ווען מען פארלאנגט עס פון אים
- ☐ באנוצט זיך מיט'ן אנווייזן צו העלפן קאמיוניקירן

## פון 12 ביז 18 מאנאטן

- ☐ נוצט 7 אדער מער אמת'ע ווערטער - חוץ פון בעיבי קולות
- ☐ פאלגט אויס איינפאכע געזאגטע אנווייזונגען
- ☐ בעט מערערע זאכן ביים נאמען

פאר מער אינפארמאציע, פארבינדט אייך מיט די אורלי אינטערווענשאן פראגראם (Early Intervention Program) פון ניו יארק סטעיט דעפארטמענט און העלט (New York State Department of Health):

טעלעפאן: **(518) 473-7016**

אימעיל: **beipub@health.ny.gov**

**health.ny.gov/EHDI**

NEW YORK STATE | Department of Health